די געוואגטע מיסיע צו ראטעווען די ילדי טשערנאבל

# אַן אויפרייס אַקציע

מער ווי 20 טויזנט מענטשן האבן פארלוירן זייער לעבן ביי דעם טראגישן נוקלעארן עקסידענט אין טשערנאבל. אין דער זעלבער צייט האט געלויערט א סכנה אויף טויזנטער אידישע קינדער וואס זענען געווען געשטראנדט אין די געגנטער ארום טשערנאבל. אין א געוואגטער אקציע, קעגן יעדן שכל, האבן ליובאוויטשער חסידים אונטערגענומען אן אפעראציע און באוויזן ארויפצוברענגען קיין ארץ ישראל 3,000 אידישע קינדער און זיי געראטעוועט פון די שעדליכע נאכווייען.

אין אן ערשטמאליגן פראיעקט לאזט זיך ׳די וואך אין שריפט׳ ארויס קיין כפר חב״ד און גייט נאך די ווארצלען צו דער אונטערנעמונג, הערנדיג ערשטהאנטיג פון דעם ׳טשערנאבלער קינד׳ **הר״ר גרשון ראבינאוויטש** איבער זיין רעטונג, און פון **הר״ר יוסף יצחק אראנאוו** איבער דער אומגלויבליכער אקציע הינטער דער קאמוניסטישער נאז - א היסטארישע אפעראציע.

אלטער שמואל טאמבור - כפר חב״ד


צעירי אגודת חב"ד
CCCP
СВИДЕТЕЛЬСТВО
О РОЖДЕНИИ
PARLIAMENT
פרלמנט
SONY

אין ברען פון דעם קריג צווישן רוסלאנד מיט אוקראינע איז דער אמאליגער עיר ואם בישראל טשערנאבל מערערע מאל ארויפגעקומען צו דער אויבערפלאך.

די רעדע איז איבער די נוקלעארע פלענטס וואס געפינען זיך אין איר, וועלכע האבן מיט 36 יאר צוריק אנגעזייט איינס פון די גרעסטע חורבנות וואס די וועלט האט אמאל געזען, און די נאכווייען שפירן זיך נאך ביז צום היינטיגן טאג.

אז מען דארף צוזאמענקראצן א שטיקל ליסטע פון גרויסע געשעענישן וועלכע האבן פאסירט זינט דעם צווייטן וועלט קריג, איז דער טשערנאבלער עקסידענט איינס פון די ערשטע אין דער רייע.

מער ווי צוואנציג טויזנט מענטשן האבן אין לויף פון די ערשטע יארן פארלוירן זייער לעבן אדאנק דער ביטערער טראגעדיע, און נאך צענדליגע טויזנטער ספראווען זיך נאך מיט די נאכווייען ביז צום היינטיגן טאג.

"מיין זיידע איז שוין נישט דא אויף דער וועלט און אויך נישט מיין באבע, זאלן זיי רוען אין לעכטיגן גן עדן," פארציילט אונז א איד, א יוצא טשערנאבל, מיט וועמען מיר וועלן רעדן, באווינענדיג די שווערע נאכווייען וואס דער אינצידענט האט געברענגט.

דורכאויס די לעצטע 36 יאר איז אסאך געשריבן געווארן איבער דער געשיכטע. מען האט דעבאטירט דעם גורם צו דעם, די פארנאכלעסיגונג, די אומקאמפעטענץ פון דער סאוויעטישער ווירטשאפט, אבער מען האט ווייניג גערעדט וועגן דער אידישער אנוועזנהייט און דעם געגנט, די מיטמאכענישן פון אחינו בני ישראל אין טשערנאבל און אין די ארומיגע געגנטער.

היינט, צום ערשטן מאל, לאזן מיר זיך ארויס אויף אן אטעם-פארכאפענדער רייזע און קומען א שטאפל נענטער צו די דראמאטישע מיטמאכענישן פון די אידן אין דעם געגנט פון טשערנאבל, און די וואונדערליכע הצלה ווי אזוי די ליובאוויטשער שלוחים, אויפ'ן דירעקטן באפעל פון זייער רבי'ן, האבן אונטערגענומען אן אומגלויבליכע רייזע און באוויזן עפעס וואס קיינער האט נישט געקענט באווייזן, ארויסראטעווענדיג אזויפיל ווי 3,000 אידישע קינדער פון אונטער די קאמוניסטישע הענט און אויף א וואונדערליכן וועג ארויפגעברענגט קיין ארץ ישראל.

מיר האבן זיך נישט באגנוגנט מיט'ן לייך-מאטעריאל איבער דער געשיכטע, נאר מיר האבן אונטערגענומען א רייזע קיין כפר חב"ד, און אפגעהאלטן מערערע באגעגענישן מיט אידן וואס האבן אליין מיטגעלעבט די פרשה פון אנהייב ביז'ן סוף.

מיר האבן צוערשט גערעדט פערזענליך מיט הר"ר גרשון, וועלכער האט געוואוינט דארט און איז געראטעוועט געווארן פון דער ביטערער טראגעדיע ארויפקומענדיג קיין ארץ ישראל. אבער מיר האבן אויך געוואלט הערן דעם הינטער-די-קוליסן טייל, ווי אזוי אזא מעכטיגע אפעראציע איז געווארן אונטערגענומען, און עס צו הערן ערשטהאנטיג האבן מיר אפגעשטאט א באזוך ביי דעם העלד אויפ'ן פראנט, דער רוח החיים פון דער אונטערנעמונג, דער געטרייער שליח הר"ר ר' יוסף יצחק אראנאוו הי"ו.

הר"ר יוסף יצחק, וועלכער איז נאך ביז היינט דער הויפט פון א רייע ארגאניזאציעס אין חב"ד און שטייט אין שפיץ פון צענדליגער אונטערנעמונגען, האט בימים ההם פארברענגט וואכן און חדשים אין די שטעט ארום רוסלאנד, און נישט גערוט ביז ווען ער האט אויסגעפירט די אקציע על צד היותר טוב און אריבערגעברענגט די טייערע קינדער קיין ארץ ישראל.

"עס איז אוממעגליך צו פארשטיין וואס אזא אפעראציע האט ארייגענומען אין זיך," זאגט ר' יוסף יצחק. "היינט זעט עס א פארשטענדליכע זאך. וואס קען זיין מער פאפולער פון ראטעווען קינדער פון אזא צרה? עס איז א פשוט'ער הומענטארישער אקט. אבער דעמאלט איז עס בכלל נישט געווען איינפאך. נישט נאר וואס די סאוויעטן האבן געלייגט פיסלעך אויף די וועגן, נאר אויך די מערב וועלט רעגירונגען האבן זיך קעגנגעשטעלט אזא אפעראציע. די אלע ארומיגע לענדער האבן מורא געהאט פון רוסלאנד, אבער נאכמער האט עס אויסגעזען ביי זיי ווי א קידנעפינג."

אז מיר זאלן באקומען א שטיקל דערהער צימבלט ער אונז מיט א פראגע:

"משל זיך אויס ווי דו קומסט אן צום גרעניץ מיט הונדערט פרעמדע קינדער. וואס טראכסטו וועט מען מאכן מיט דיר? און מיין נישט, דו האסט נישט מיט דיר קיין פאפירן אז דו ביסט זייער לעגאלער פארטרעטער. און דא רעדט מען נישט פון הונדערט קינדער; מען רעדט פון 3,000 קינדער, און יעדעס קינד איז א וועלט פאר זיך. ער האט נישט קיין פאספארט, ער איז אין זיין לעבן נישט געווען אויף א פליגער, ער איז אליין, עלנד, אן זיינע עלטערן און מען דארף אים ארויפברענגען קיין ארץ ישראל, ווייל אזוי האט דער רבי געהייסן."

די אונטערנעמונג נעמט אריין אסאך זאכן וואס נאך ביז היינט איז השתיקה יפה להם. בלויז צו טראכטן ווי אזוי מען ערלעדיגט אין אזא קורצער צייט 3,000 פאספארטן און 3,000 האלענדישע וויזעס רופט ארויס וואונדער. אבער ר' יוסף יצחק רעדט נישט פון דעם.

•••

מיר הייבן אן ביי ר' גרשון ראבינוואיטש הי"ו אין שטוב, וואו מיר באקומען אן אינערליכן בליק אויף דער פרשת טשערנאבל, און ווי אזוי 3,000 קינדער זענען ארויס מאפילה לאור גדול.

## מיינע קינדער יארן אין גאמיל

*מיין נאמען איז גרשון ראבינאוויטש. איך בין געבוירן געווארן אין דער שטאט גאמיל אין יאר תשל"ז. די שטאט גאמיל איז אין בעלעראוס און עס גרעניצט זיך מיט אוקראינע. די שטאט גאמיל האט דעמאלט פארמאגט הונדערט טויזנט תושבים.*

*אין יענער צייט איז נאך קאמוניזם געווען אין פולן ברען, און אונטער'ן שאטן פון די קאמוניסטן זענען מיר געוואקסן און זיך געהאדעוועט.*

*קאמוניזם איז געווען אין פולן ברען, און קיין אידישקייט איז בכלל נישט געווען אין דער שטאט. דער געגנט איז געווען געשטאפט מיט אידן, מען האט געוואוסט ווער עס איז א איד, בעיקר לויט די נעמען, און מען האט אים אפילו געפייניגט און געטשעפעט, אבער קיין אידישקייט איז נישט געווען. עס האט נישט עקזיסטירט קיין שול, קיין חדר, קיין מצוות, קיין כשר'ס – זערא.*

*דער אמת איז אז מיינע עלטערן זענען שוין אויפגעוואקסן אזוי. אויך זיי האבן נישט געהאט קיין שום שייכות צו אידישקייט, אבער זיי האבן געוואוסט אז זיי זענען אידן.*

*מיט אזא נאמען 'ראבינאוויטש' קען מען זיך נישט באהאלטן. וואו איך בין געגאנגען און וואו מען נאר געהערט ווי אזוי איך הייס האט מען גלייך געוואוסט צו זאגן אז איך בין א איד.*

*ווען איך בין אונטערגעוואקסן האט מען מיך געשיקט אין די ארטיגע שולעס. אין מיין קלאס איז אויסער מיר געווען נאר נאך איין איד, און פון צייט צו צייט האב איך גוט געליטן צוליב מיין אידישקייט.*

*עס איז איראניש, אבער מיין איינציגער שייכות צו אידישקייט איז געווען דער אנטיסעמיטיזם. דער פאקט אז מען האט מיך געפייניגט אז איך בין א איד האט מיר געמאכט פאר א איד, אנדערש ווי אלע ארומיגע.*

*גראדע איז יא געווען איין אידישע זאך אין מיין לעבן, און דאס איז געווען מצות. איינמאל א יאר פלעגט מיין באבע תחי' קומען צו אונז אין שטוב און אונז איבערגעגעבן א פעקל מצות. זי פלעגט נישט זאגן פון וואו זי האט עס, ווער עס האט איר געגעבן, וואס מען דארף טון מיט דעם, זי האט עס געגעבן און איז אוועק פון שטוב.*

*ווען כ'קוק אויף צוריק, מיין איך אז זי אליין, וואס איז שוין געוואקסן אין אזא סארט סביבה,*



ר' גרשון ראבינאוויטש גיט א רעדע

*האט אויך נישט געוואוסט וואס דאס איז, אויסער אז מען קען עס עסן.*

*פון צייט צו צייט פלעגט זי מיך אויסלערנען אביסל אידיש. זי פלעגט מיך אויסלערנען אביסל די אלף-בית און אפאר געשמאקע זאפטיגע אידישע ווערטער. דאס האט זי געוואוסט און דאס האט זי מיר איבערגעגעבן.*

## בלילה ההוא: פרייטאג צונאכטס, אפריל 26, 1986, 1:23 פארטאגס

אין דער ענגער דירה פון משפחת ראבינאוויטש איז דער קליינער ניין יעריגער גרשון געווען פארזונקען אין א טיפן נאכט שלאף, ווען אומגעפער א הונדערט קילאמעטער ווייט פון וואו ער וואוינט גייט אט פאסירן איינס פון די שרעקעדיגסטע געשעענישן, וועלכער וועט וווענטועל האבן גאר א שטארקע השפעה אויף זיין פריוואט לעבן.

צוליב א טעכנישער טעות ביים דורכפירן א פראבע אין די טשערנאבלער נוקלעארע רעאקטארן, האט אויסגעבראכן א פייער ביי דעם פערטן פלענט וועלכער איז ארויף אין פלאמען.

עס איז נישט געווען קיין אויפרייס אזוי ווי ביי דער אטאם באמבע אין יאפאן, עס איז געווען א בלויזער פייער. דער אויפרייס איז געווען לאקאל, מען האט עס נישט געהערט מיילן ווייט, און עס איז נישט געווען פון וואו די ארומיגע באפעלקערונג זאלן האבן די מינדעסטע אנונג אז עפעס אויסטערליש האט פאסירט אין געגנט.

אין סעקונדעס איז די לופט אנגעפילט געווארן מיט מיליאנען טאנען פון שעדליכער ראדיאקטיווער לופט. די וואלקנס העכער'ן פלענט האבן אנגעהויבן איינזאפן אין זיך די שרעקעדיגע לופט, און דער ווינט האט עס אנגעהויבן צו בלאזן אויף מיילן ווייט פאר'סמ'ענדיג די לופט. פון יעצט און ווייטער וועט מיט יעדן אטעם וואס א מענטש וועט געבן אין די געגנטער ארום אריינגעצויגן ווערן פארפעסטעטע לופט, וועלכע וועט אים גאנץ ווארשיינליך ברענגען שעדליכע און ווייטאגליכע קרענק א גאנץ לעבן, און מעגליך צוברענגען זיין פריצייטיגן טויט.

אבער נישט נאר די מענטשן וועלן איינזאפן אין זיך די שלעכטע לופט. אויך די ביימער, דאס וואסער, דער רעגן, די פיש, די גרינצייג אין די פעלדער – אלעס וועט זיין אין לאנגע קייט פון פארפעסטיגונג. אבער אין יענע מינוטן ווייסט נאך קיינער גארנישט איבער דער טראגעדיע וואס האט זיי באטראפן יענער נאכט.

די שעדליכע לופט איז עפעס וואס דאס מענטשליכע אויג קען נישט זען. די פארפעסטעטע לופט האט נישט קיין קאליר. עס זעט אויס געהעריג לופט, עס איז א שטילער מזיק.

דער קליינער גרשון שלאפט רואיג און גמיטליך. אויך זיין שוועסטער איז איינגעזונקען אין טיפן שלאף, און ווען זיי וועקן זיך אויף צומארגנס פירט זיך זייער לעבן געהעריג, ווי עס וואלט זיך נישט אפגעשפילט איינס פון די גרעסטע טראגעדיעס אין דער היסטאריע געציילטע מיילן אוועק פון זיי.

עס וועט נאך גדויערן עטליכע טעג ביז ווען מען וועט אנהייבן הערן און שפירן אז עפעס האט פאסירט. די קאמוניסטישע רעגירונג מאכט א שוויג פון דער געשיכטע, און דאס בלויזע רעדן פון דעם קען איינשטעלן דאס לעבן. דאן איז פארגעקומען איינס פון די שרעקליכסטע פארנאכלעסיגונגען מטעם די קאמוניסטן.

דער עקסידענט האט פאסירט אין דער נאכט פון דעם 26סטן אין אפריל. פיר טעג שפעטער איז אויסגעפאלן די קאמוניסטישע חגא.

פיר טעג איז אסאך צייט אין דער פראפעסיאנעלער וועלט. אין אזא צייט ווייסן שוין אלע הויכראנגיגע פירער אין דער קאמוניסטישער רעגירונג וואס עס האט פאסירט. זיי ווייסן אז מען רעדט פון א גרויסן און שעדליכן עקסידענט, אבער מיט דעם אלעם ערלויבן זיי די מאסן ארויסצוגיין און פייערן דעם גרויסן טאג ווי גארנישט וואלט געווען.

נישט נאר ערלויבן זיי דאס פאלק ארויסצוגיין, נאר דאס געזעץ פארפליכט יעדן בירגער ארויסצוגיין אין גאס און מיטהאלטן די פייערונגען.

מיליאנען מענטשן פון דעם גאנצן אומגעגנט זענען געשטאנען שעה'ן לאנג אין די גאסן און מיטגעהאלטן די פייערונגען וועלכע זענען אהערגעשטעלט געווארן דורך דער רעגירונג, ווען אין דער זעלבער צייט ווערט זייער קערפער אנגעפילט מיט גרויסע קוואנטומען פון דער פארפעסטיגטער לופט.

יונג און אלט, קראנקע און געזונטע, יעדער קומט ארויס און קוקט צו די פארשטעלונגען וואס די סאוויעטן האבן אהערגעשטעלט לכבוד דער חגא. דערנאך זענען אלע ארויס אויף א לענגערן מארש איבער די גאסן, אן וואס איינער זאל זיי אלארמירן אז זיי שטעלן דא איין זייער לעבן.

עס וועט אריבערגיין עטליכע קריטישע וואכן ביז ווען דער יונגער גרשון און זיינע ארומיגע וועלן אנהייבן באגריפן אז עפעס איז געשען מיט זיי. דער גרויסער סוד וועט צוביסלעך ווערן באקאנט צווישן די ארומיגע.

*דער ערשטער סימן אז עפעס האט פאסירט האב איך באקומען ווען מיינע עלטערן האבן אריינגעברענגט א 'גייגער' אין שטוב.*

*א גייגער איז א מאשין וואס מעסט די הויכקייט פון דער ראדיציע אין יעדן ארט. עס קען זאגן וואו עס איז דא מער ראדיאקטיווע*

לופט און וואו עס איז דא ווייניגער, וועלכע זאך שלעפט צו זיך מער ראדיציע און וועלכע זאך ווייניגער. טראץ וואס דער קריג מיט ראדיאקטיווע לופט איז געווען א פארלוירענע מלחמה, דאך האבן מיינע עלטערן געזוכט עצות און מיטלען ווי אזוי צו מינימיזירן דעם שאדן און זיך פרובירט צו דערווייטערן פון זאכן וואס זאפן איין אין זיך מער ראדיציע.

צווישן די זאכן וואס האבן אויפגעכאפט מער ראדיאציע שטראלן אין אונזער שטוב איז געווען מיינע וואלענע נאכט פאפוטשן. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז די וואלענע קליידער זענען געווען מער אויסגעשטעלט ארייננצוכאפן אין זיך די שעדליכע שטראלן, און פון דעמאלט און ווייטער האב איך זיי מער נישט גענוצט.

פונדרויסן איז דאס לעבן טאקע אנגעגאנגען כמעט ווי געהעריג, אבער אין הארצן האט געהערשט א שטארקער פחד. די יונגע קינדער האבן ווייניגער געשפירט די שרעק, אבער אויך מיר האבן געשפירט אז עפעס שרעקליך האט זיך אפגעשפילט.

איך פערזענליך האב נישט געהאט אין מיין קלאס קינדער וואס זענען קראנק געווארן מיט דער ביטערער מחלה ל"ע, אבער אין דער שולע וואו איך האב געלערנט איז געווען עטליכע קינדער וואס זענען קראנק געווארן נאכ'ן איינעמען אין זיך צופיל ראדיציע, און זיי זענען שפעטער געשטארבן דערפון ל"ע.

אויך די וואס זענען נישט קראנק געווארן מיט דער ביטערער מחלה האבן אנגעהויבן שפירן שווערע און ביטערע סימפאטמען.

איינס פון די טשערנאבלער קינדער האט דערציילט:

"ביז צו דעם עקסידענט בין איך געווען א געזונט קינד. איך בין אלעמאל געווען וואך און אויפגעלייגט. אבער פלוצלינג האב איך זיך געטוישט מקצה אל הקצה. פון א לעבעדיג און מונטער קינד בין איך געווארן א שוואכלינג. בעפאר דעם עקסידענט האט זיך קיינמאל נישט געטראפן אז איך זאל איינשלאפן אינמיטן די לעקציעס וואס דער לערער האבן געגעבן, אבער מיטאמאל פלעג איך זיך טרעפן איינשלאפן אינמיטן לערנען. נאך א מאדנע זאך וואס האט מיך באטראפן איז געווען אז פלוצלונג, אן קיין שום פריערדיגע מעלדונג, האט אנגעהויבן טריפן בלוט פון מיין נאז."

ביי מיר איז עס נישט געגאנגען אויף אזוי ווייט, אבער איך האב אנגעהויבן צו ליידן אסאך מער פון ווינטער קרענק, ווי פארקילונג, אדער פון אייטער פלעקן און פון אנדערע שוואכקייטן, וואס איך האב קיינמאל פריער נישט געוואוסט צו זאגן.

אויך די שטוב ווירטשאפט האט אנגעהויבן ווערן מער אנגעשטרענגט און אנגעצויגן. די


די פארלאזטע שול אין טשערנאביל

עלטערן האבן געזוכט איינצוצוימען די קינדער אז זיי זאלן ווי ווייניגער ארויסגיין אין די גאסן, און ווען זיי האבן געפעלט האבן זיי געוואלט זען די קינדער אין שטוב.

בעפאר דעם עקסידענט פלעגט מיין זיידע ארויסגיין איינמאל א וואך צו דעם שכינות'דיגן טייך כאפן פיש, און ער פלעגט עס אהיימברענגען אז מען זאל עס קענען עסן.

דער זיידע האט עס געטון סיי צו האבן נאך עסנווארג, אבער בעיקר פאר געשמאק, געניסנדיג צו זיצן ביים טייך און כאפן פיש. אבער פון דעמאלט און ווייטער האט ער אויפגעהערט. ער האט געלעבט אין א שרעק אז די פיש זענען פארפעסטעט מיט דער שעדליכער ראדיאקטיווער לופט.

אויך איבער די פראדוקטן אין גראסערי איז געווען זארג. ווען איך פלעג גיין אין גראסערי האבן מיינע עלטערן מיך אנגעזאגט אז איך זאל קוקן אויף די פראדוקטן און אויסרעכענען צו קויפן פראדוקטן פון ווייטערע געגנטער. ווי ווייטער איז בעסער, ווייל ווי ווייטער איז ווייניגער פארפעסט.

מען דארף אין אכט נעמען אז מער ווי די ווייטקייט פון דעם פלאץ פונעם אויפרייס האט אויסגעמאכט די ריכטונג וואו דער ווינט פארט. מען קען זיין נאנט קיין טשערנאבל אבער אויב איז מען אין דער פארקערטער ריכטונג וואו דער ווינט בלאזט איז מען ווייניגער אויסגעשטעלט צו דער שעדליכער לופט. פון דער צווייטער זייט, אויב איז מען אין דער זייט וואו דער ווינט בלאזט אהין די טשערנאבלער לופט, קען מען זיין הונדערט קילאמעטער ווייט און נאך אלץ זיין אין א געפארפול ארט. דאס איז געווען דער מצב מיט דער שטאט גאמיל.

אן אנדער קינד וואס געדענקט גוט דאס געשעעניש שילדערט די זארג וואס איז געווען אין זיין געגנט:

"ביי אונז אין שטעטל זענען מיר געוואויר געווארן פון דעם עקסידענט אביסל פריער ווי אין אנדערע געגנטן. די סיבה דערצו איז געווען ווייל אין דער שטאט וואו מיר האבן געוואוינט איז געווען א מיליטערישע באזע, און ווי נאר דער אויפרייס האט פאסירט האט זיך דערקענט א שטארקע אויפוואכונג פונעם מיליטער, און אויך ביי אונז האבן זיך זאכן געטוישט זייער שנעל.

"איך געדענק גוט ווי מ'האט אין יענע טעג כסדר געוואשן די ערד. עטליכע מאל א טאג האט מען געוואשן די ערד, נישט ווילנדיג אז די פאדלאגע זאל זאמלען ראדיאקטיווע שטויב.

"איך בין געווען זייער א ווילד קינד, איך האב קיינמאל נישט געקענט איינזיצן אין שטוב, און איך בין אלעמאל געווען אין גאס מיט חברים. אבער פון דעמאלט האבן זיך די עלטערן געבעטן ביי מיר אז איך זאל בלייבן אין שטוב און נישט ארויסגיין אינדרויסן."

## די וויי געשריי פון די עלטערן: ראטעוועט אונזערע קינדער!

לאמיר הערן אביסל פון הר"ר יוסף יצחק, וועלכער גיבט אונז אראפ א שטיקל בילד פון דער צווייטער זייט מטבע.

ווי גרויס די קינדער האבן געלעבט אין שרעק איז דער שרעק פון די עלטערן געווען פי כמה. איר דארפט פארשטיין אין רוסלאנד האבן יעדע טאטע-מאמע ארויסגעקוקט אויף זיין קינד ער זאל אויסוואקסן אן אינזשעניר, א דאקטער, אדער גענעראל.

די דעמאלטדיגע אומשטענדן אין רוסלאנד זענען געווען אויסגעשטעלט אז א דורכשניטליכע משפחה איז באשטאנען פון איינס אדער צוויי קינדער.

רעדענדיג מיט ר' גרשון דערציילט אז ער געדענקט אז ביי אים אין געגנט איז געווען א מאמע פון דריי קינדער, און זי האט באקומען א מעדאל פון דער רעגירונג אז זי איז א מוסטער פון א געטרייער מאמע. "אזוי אויפפאלענד איז עס געווען."

די רעגירונג האט נישט געהאט עפעס קעגן גרויסע שטיבער, אבער די הייזער זענען געווען זייער קליין, און עס האט נישט געהאט קיין פלאץ אין איר פאר מער ווי איין קינד. אין סאוויעט רוסלאנד האט מען נישט געדארפט צאלן פאר א דירה און פאר עסן, ס'איז אלעס געקומען פון דער רעגירונג, אבער מ'האט נישט באקומען מער פלאץ צו וואוינען און מער ברויט צו עסן ווי צו קענען אויסהאלטן איין קינד. אז מ'האט געהאט צוויי קינדער האט מען שוין געמוזט וואוינען צעשטופט און שפארן דאס ביסן פון מויל.

און ווען עס איז דא איין קינד, איז יעדעס קינד אן אינזשעניר אדער דער קומענדיגער גענעראל. די עלטערן, וואס האבן געהאט אסאך ליידיגע צייט, האבן ארייגעלייגט זייער לייב און לעבן אין זייער קינד. אלע פארלוירענע שאיפות איז געלעגן אין דעם איינעם קינד. זיי האבן אים געפילעוועט און ארייגעגעבן דעם שטרעבן אין קאפ אז ער זאל אויסשטייגן עפעס.

דערפאר ווען אט דאס איינציג קינד איז אין א סכנה און די עלטערן ווייסן אז עס דא גרויסע שאנסן אז זאל קראנק ווערן פון דער שעדליכער נוקלעארער ארויסרינונג, איז די היסטעריע געווען גרויס.

דאס לעבן אין שאטן פון אזוינע שעדליכע לופט שאדט זייער שטארק פאר'ן אמיון סיסטעם וואס השי"ת האט אריינגעפלאנצט אין דער באשעפעניש פון א מענטש. ביי אן עלטערן מענטש, ביי ווען דער אמיון סיסטעם איז שוין מער ווייניגער געזעצט, קען ער עס אדורכמאכן אבער ווען עס רעדט זיך פון א יונג קינד, ביי ווען דער אמיון סיסטעם האלט זיך נאך אינמיטן אנטוויקלען איז עס ממש א קאטאסטראפע.

די שאצונג וואס די דאקטוירים האבן געגעבן איז געקומען געבונדן צו א דאטום. די דאקטוירים האבן געשאצט אז ביז פיר יאר צייט לעבן אין אזא לופט קען מען פארמיידן אז דער שאדן זאל בלייבן אויף א גאנץ לעבן, אבער נאך פיר יאר, אויב גייט דאס קינד נישט ארויס פון דארט, הייבן זיך אן די שווערע שאדנס און פון זיי וועט מען זיך נישט אזוי גרינג ערהוילן.

ווי אינטערעסאנט עס הערט זיך איז נישט דא קיין קראנטע רפואה פאר ווער עס איז געקומען אין בארירונג מיט דער שעדליכער לופט. די רפואה איז אז מען זאל אריינאטעמען ריינע לופט און די ריינע לופט רייניגט אויס דעם קערפער פון שעדליכער לופט. אלעס וואס די קינדער האבן געדארפט אז זיי זאלן זיך קענען ערהוילן איז געווען אריבערצוגיין אויף עטליכע וואכן א יאר אין אנדערע געגנטער און אריין אטעמען פרישע און ריינע לופט און די שאנסן אז ער וועט ווערן אויסגעהיילט און געזונט ווערט פילפאכיג גרעסער, אבער ווען מען רעדט פון רוסלאנד אונטער די סאוויעטן, ווען יעדער זאך איז אזוי פארנעפעלט און פארוויקלט איז עס ווי מיר זאלן היינט פארן באזוכן די לבנה.

אין רוסלאנד אין יענע יארן איז יעדער ארויספארן פון לאנד פארבינדן מיט א ספעציעלער ערלויבעניש פון דער רעגירונג, אזא ערלויבעניש האט מען באקומען איינמאל אין זיבעציג יאר.

דאס זיך ארויסזען פון די אייגענע ד' אמות איז געווען אזוי קאמפליצירט, אז עס איז אפילו נישט געווען בגדר רעאליסטישער חלום. עס גייט אויף אזוי ווייט אז דער סטאנדארט רוסישער בירגער האט ניטאמאל קיין פאספארט אין רוסלאנד, ווייל די ווייטסטע וואס א רוסישער בירגער איז אמאל געגאנגען איז געווען עטליכע קילאמעטער ארום זיין שטוב. און מיט אזאנע אומשטענדן און מיט אזא צרה אויפ'ן קאפ שטייגט די ביטערניש און די הילפלאזיגקייט פון די עלטערן פון טאג צו טאג.

ר' גרשון פארציילט ווי אזוי אויך דערביי האט די איינגעבאקאנע רוסישער-אוקראינער אנטיסעמיטיזם געשפילט א ראלע:

"פון צייט צו צייט האבן די ארטיגע רעגירונג פירער אראנזשירט פאר די ארטיגע קינדער אז זיי זאלן קענען אריבערגיין צו אנדערע געגנטער וואו די לופט איז קלארער און ריינער. מען איז נישט ארויסגעפארן פון לאנד אבער מען פלעגט יא צו פארן אויף די פארקערטע ריכטונג פון לאנד, אבער די אראנזשירונגען זענען - ווי יעדער זאך אין סאוויעטע רוסלאנד - געווען קארופטירט פון אונטן ביז אויבן. נאר די וואס זענען געווען נאנט צום שיסל האבן זוכה געווען צו די פריווילעגיע, און איבריג צו זאגן אז אויך דא האט דער וויסטער כלל פון עשו שונא ליעקב געשפירט א שטארקע ראלע. עס איז קיינמאל נישט געווען אזא זאך אז אידן זאלן זיין א טייל פון די גרופעס. די אידן זענען געבליבן אינדערהיים און זענען געווען אויסגעשטעלט צו דער ביטערער געפאר פון ווערן



ביי אונזער שמועס מיט ר' יוסף יצחק

פאר'סמ'ט דורך דער לופט און פאר'משפט'ט צום טויט אדער צו די מחלות."

אבער עס איז יא געווען איין ארט וואו מען האט דערהערט די ווי געשריי פון די טויזנטער אידישע קינדער וועלכער זענען געווען אין א סכנה.

## דער ווי געשריי קומט אן קיין קרוינהייטס

עס איז געווען אין יענע יארן ווען די טויזנטער עלטערן האבן אנגעוואנדן יעדן מיטל וואס זיי האבן געהאט אין זייער מעגליכקייט אז מען זאל ראטעווען זייערע קינדער, אבער עס איז נישט געווען צו וועמען צו רעדן.

די ארטיגע אידן, ווי באטאנט, זענען געווען זייער באגרעניצט, דאס לאנד איז געווען קאנטראלירט, די קאנטאקט מיט דער דרויסנדיגער וועלט איז געווען זייער שוואך און נאכ'ן טון וואס זיי האבן יא געקענט, זענען זיי נאך אלץ געווען איינגעצוימט און הילפלאז, אבער דאן האבן זיי געטראפן איינעם צו וועמען צו רעדן.

ווי עס איז היינט ברייט באוואוסט איז דער צוטריט פון ליובאוויטש אין רוסלאנד געווען גרעסער ווי אנדערע קהילות. פון צייט צו צייט פלעגן זיי קענען ארויסשיקן אהין מצות, ווי דער דערמאנטער פאל ביי די באבע פון ר' גרשון און עס איז אויך געווען אנדערע קאנטאקטן און די אידן, מיט די קינדער, האבן זיך אנגעהויבן אפרעדן פאר די ליובאוויטשער אידן איבער זייער שיקזאל.

מיט תחנונים האבן זיי זיך געבעטן ביי זיי אז אינדערצייט וואס די אנדערע קינדער האבן כאטש די מינימאלע הילף בלייבן די אידישע קינדער אויסגעשפילט און זייער לעבן איז אין א סכנה.

די ליובאוויטשער אידן, וועלכע האבן בדרך לא דרך, געהאט דער צוטריט, האבן נישט געוואוסט וואס זיי קענען טון אבער זיי האבן עס איבערגעגעבן ווייטער און עס איז אנגעקומען ביז צו דעם ליובאוויטשער רבי'ן אין קרוינהייטס.

און דא, קעגן יעדער לאגישן שכל און פארשטאנד, האט דער ליובאוויטשער רבי אוועקגעשטעלט א וועד וואס זאל זיך אפגעבן מיט זיי.

מיט געציילטע, אבער קלארע ווערטער, כדרכו בקודש, האט ער איבערגעגעבן די הוראה: "נעמט די קינדער אויף אייער אחריות און ברענגט זיי אריבער קיין ארץ ישראל."

אז מען דארף פארגלייכן די הוראה צו היינטיגע צייטן איז עס בערך ווי צו זאגן פאר א איד ער זאל אראפפארן קיין צפון קארעא און ארויסגיין פון דארט מיט צוויי הונדערט קינדער, אבער נישט אזא איינער ווי א ליובאוויטשער חסיד פרעגט שאלות, מען האט אפילו נישט אריינגעטראכט וואס מען טוט, מען האט געטון וואס מען האט געקענט.

עס האט זיך גרופירט א וועד וואו עס איז געווען מיטגלידער דער בארימטער צדיק ר' יצחק קאגאן שליט"א, וועמען מען רופט היינט אן דער צדיק פון לעניגראד, הרה"ח ר' שמואל חפר שליט"א און נאך עטליכע עסקנים, ווען דער יונגסטער פון זיי איז הר"ר יוסף יצחק אראנאוו שליט"א, ביי וועמען מיר באזוכן אצינד, און מען האט אנגעהויבן טון צו דער זאך.

טעג און נעכט זענען זיי געזעסן אין די אפיסעס און געמאכט טויזנטער טעלעפאן רופן ביז דער זאך איז געווען גרייט און מען האט באשלאסן אז מען לאזט זיך ארויס אויפ'ן וועג.

אז מען וואלט אריין געגאנגען אין פרטים און ארויסגערעכנט וואס עס פעלט זיך אויס פאר אזא אונטערנעמונג וואלט מען קיינמאל נישט געענדיגט. אבער זיי האבן נישט געטראכט קיין צוויי, מען האט זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג און אנגעהויבן טון צו דער זאך.

קיין דירעקטער פליגער פון ארץ ישראל קיין אוקראינע האט נאך דעמאלט נישט עקזיסטירט. די באציאונגען צווישן די צוויי לענדער איז געווען זייער אנגעצויגן און מען האט כמעט נישט אנערקענט איינער אין דעם אנדערן, אבער דאס איז געווען פון די קלייניע פראבלעמען.

מען האט אונטערגענומען א רייזע קיין רומעניע, און פון רומעניע האט מען ממשיך געווען קיין אוקראינע.

דאס אריינגיין אין רוסלאנד, אין די יעניגע יארן, האט געפאדערט א וויזע. דאס אראנדזשירן אזא וויזע האט געדויערט כמעט א חודש, אבער בדרך לא דרך האבן זיי באקומען א וויזע אין דעם זעלבן טאג און נאך אין יענעם טאג זענען זיי געווען ווייטער אויף זייער רייזע קיין בעלעראוס, די ערשטע סטאנציע וואו זיי האבן געארבעט, דער ארט וואו די קינדער זענען אויסגעשטאנען די גרעסטע סכנה.

## די גרויסע רענצלעך מיט די פאספארטן און וויזעס

מיר זיצן און רעדן מיט ר' יוסף יצחק איבער די שטוינענדע אפעראציע וואס ער האט אונטערגענומען בשעתו, שאפנדיג אסטראנאמישע געלט סומעס פאר יעדן פרט ופרט און אויך מיט'ן אהערשטעלן די נויטיגע פאפירן און דאקומענטן. מיר ווילן פארשטיין ווי אזוי ער האט עס באוויזן.

נאך פון פריער האבן מיר געהערט רעדן איבער די 'געלט רענצלעך' וועלכע האבן געעפענט טירן און טויערן אין לאנד, צעברעכנדיג די גרעסטע און די שווערסטע שלעסער. אבער ווען מיר ברענגען ארויף די שאלה אויפ'ן טיש שטויסן מיר זיך אין א



פארמאכט מויל.

און ווי אזוי האט מען באוויזן צו שאפן אזויפיל פאספארטן אין אזא קורצער צייט? אין א לאנד וואו ווי דערמאנט פריער, האט כמעט קיינער נישט געהאט נישט א פאספארט און נישט א וויזע פארשטייט מען זייער שווער ווי אזוי מען האט באוויזן די אומגלויבליכע אין אזא קורצער צייט.

ר' יוסף יצחק ענטפערט נישט די שאלה, אבער ווילנדיג אז מיר זאלן פארשטיין ווי קאמפליצירט עס איז געווען ברענגט ער אונז ארויס א פעקל פאספארטן פון יענער צייט און ווייזט אונז ווי אויסגערעכנט עס איז געווען.

"גיב א קוק, דער בחור דא איז געבוירן דעם צוועלפטן אין מערץ. ער האט א שיינער פאספארט, אין דעם פאספארט איז דא א האלענדישע וויזע. די האלענדער וואלטן קיינמאל נישט געגעבן א וויזע פאר א פאלשן פאספארט."

אבער ער האט נאכנישט געענדיגט. ער מישט אויף צום ארט וואו עס איז דא דער זיגל פון מדינת ישראל אז זיי זענען אריינגעקומען. "טראכסט אז מדינת ישראל וואלט גע'חתמ'ט אויף א פאלשן פאספארט?"

די קשיא ווערט נאר גרעסער. עס מיינט נאר אז דער פעלטשער האט געמאכט א גוטע ארבעט.

אבער ר' יוסף יצחק וועט עס נישט באשטעטיגן...

"איך קען דיר אזויפיל זאגן אז מיר האבן געטון וואס מיר האבן גדארפט טון אז די קינדער זאלן אנקומען קיין ארץ ישראל."

און ער לייגט צו: "ווען די ברירה איז אדער אויספירן דאס שליחות פון דעם רבי'ן אדער נישט אויספירן וועגן דעם און דעם, איז קלאר אז מען פירט אויס דאס שליחות..."

ביי דעם שמועס הערן מיר אויך אז עס איז געגאנגען אזוי ווייט אז אויך קינדער וואס זענען געווען אין היימען פון יתומים נאך דעם וואס זייערע עלטערן זענען נעבעך געשטארבן פון דער טראגעדיע האבן זיי מצליח געווען ארויף צו ברענגען קיין ארץ ישראל.

עס איז איין זאך ווען א טאטע בעט זיך אז ער זאל ראטעווען זיין קינד און ווען דער קינד איז אן אנשטאלט, און ווען מיר ווילן פארשטיין ווי אזוי ער האט עס באוויזן איז דער ענטפער דער זעלבער: "אז מען האט גדארפט האט מען געטון."

ווען מיר פרעגן אים ווען האט ער געהאט די שווערסטע מינוטן אין די אפעראציע ווערן מיר איבערראשט צו הערן אז זיינע שווערסטע מינוטן איז דווקא געווען דא אין ארץ ישראל.

"ווען מיר זענען אנגעקומען אהער האט די רעגירונג נישט געוואלט אנערקענען אין די קינדער און זיי געבן הילף מיט בירגערשאפט, און מיר האבן דא גדארפט איבערדרייען א וועלט און



ברענגט ער אונז ארויס א פעקל פאספארטן פון יענער צייט און ווייזט אונז ווי אויסגערעכנט עס איז געווען

פארמישן אסאך ערנערגיע ביז זיי האבן אנערקענט אין די קינדער און אין זייער סטאטוס."

א געהילף וואס זיצט דערביי איז מיר מרמז אז דער חילוק צווישן דא און דארט איז די 'רענצלעך' מיט געלט. אינדערצייט וואס דארטן איז די שמירעריי געווען אפיציעל פאדערט עס דאהי מער קונסט...

## א אידישע צורה אין גאמיל

מיר קערן זיך צוריק צו ר' גרשון צו הערן פון אים ערשטהאנטיג וואס עס האט זיך אפגעשפילט ביי אים אין שטאט אין יענער צייט.

*די עלטערן האבן מיטאמאל דערהאלטן א שמועה אז עס גרופירט זיך א קבוצה פון אידן וואס זענען גרייט מיטצונעמען מיט זיך קינדער קיין ארץ ישראל, און ווער עס וויל מיטשיקן קינדער – קען זיי מיטשיקן מיט זיי.*

*אין אנהייב האט די שמועה אויסגעזען א חלום. עס איז געווען צו גוט עס זאל זיין אמת. אבער מיט די צייט ווען די שמועה האט נישט נאכגעלאזט האבן די עלטערן אנגעהויבן אינטערעסירן צי די שמועות האבן אין זיך א האפט.*

*מען דארף נעמען אין באטראכט אז אין אלע יארן, טראץ וואס עס איז נישט געווען קיין אידישע פעולות, האבן די אידן געהאט קשר צווישן זיך דא-דארט, און ווען די שמועה איז אנגעקומען האבן מיינע עלטערן זיך געוואנדן צו די אידן מיט וועמען זיי זענען געווען באפריינדט און זיי געפרעגט צי עס איז דא עפעס האפט אין די שמועות.*

*די אידן האבן געענטפערט אז יא און אז בקרוב וועלן קומען צוגיין די ווייטערדיגע מעלדונגען.*

*איך קען דיר נישט מסביר זיין וואס די שמועה האט געמיינט פאר מיינע עלטערן. זיי האבן זיך ארויפגעכאפט אויף דעם ווי אויף מיליאן דאלאר. עס איז געווען ווי א ווילדער חלום!*

*איר דארפט פארשטיין, יעדער איינוואוינער אינעם קאמוניסטישן פאראיין האט געטרוימט אז איין טאג וועט ער קענען פאקן פעק און פארלאזן דעם קאמוניסטישן גן עדן. די קאמוניסטן האבן דיר טאקע געגעבן א הויז מיט עסן אבער עס איז נישט געווען וואו זיך צו פארברייטערן. אין דעם הויז וואו דו ביסט געבוירן ביסטו געשטארבן, עס איז נישט געווען וואו צו גיין ווייטער. אבער אויב היינט איז עס געווען א פאנטאזיע וואס מען האט זיך געשעמט ארויסצוזאגן מיט'ן מויל האט עס פלוצלינג אנגעהויבן צו ווערן א מעגליכקייט.*

עס האט נישט געדויערט לאנג און מיר האבן באקומען א ידיעה אז די עלטערן וואס זענען פאראינטערעסירט זיך אנצושליסן אין דער רייזע זאלן קומען צו גיין צו א געוויסן זאל וועלכער געפינט זיך אין דעם אומגעגנט.

מיר זענען אנגעקומען אהין. דארטן האבן שוין אפגעווארט די לאקאלע מיטארבעטער און צוויי אויסלענדישע אידן, עס איז דארט געווען הרב קאגען שליט"א און הרב חפר שליט"א.

עס איז געווען די ערשטע מאל וואס איך האב זיך באגעגנט פנים אל פנים מיט א איד וואס האט אן אמת'ע אידישע צורה. דער איד האט געהאט א בארד, א קאפעלוטש, א גארטל, און ער האט אונז זייער ווארעם אויפגענומען.

די אידן האבן פארגעלייגט די פלענער. זיי האבן אונז געזאגט אז מיר זאלן זיך גרייטן אין די קומענדיגע טעג ווייל ער וועט אונז איינמעלדן ווען מען קען זיך ארויסלאזן אין וועג ארויס.

די גרופע וואו הר"ר גרשון איז געווען א מיטגליד איז געווען די סאמע ערשטע גרופע פון קינדער וואס זענען ארויסגעפארן פון לאנד. אין די שפעטערע יארן האבן נאכגעפאלגט נאך אומצאליגע גרופעס, ווען יעדע גרופע באשטייט פון הונדערטער קינדער, ביז ווען עס וועט זיך ענדיגן מיט 3,000 קינדער, אבער די ערשטע איז אלעמאל די שווערסטע און ווען ר' גרשון דערמאנט זיך פון די מוטשעניש קומט אים נאך ארויף דעם שווערן טעם פון יענער צייט.

עס איז געווען קלאר סיי פאר די ליובאוויטשער חסידים און סיי פאר די ארטיגע אידן אז די אונטערנעמונג וועט נישט אריבערגיין גלאטיג. ווען די ערשטע גרופע האט פארלאזט דעם סאוויעטן פארבאנד איז די הערשאפט שוין טאקע נישט געווען ווי סטאלינ'ס צייטן, אבער עס איז געווען זייער ווייט פון א געהעריג ארט, אז עס איז דא צו וועמען צו רעדן, און דא קומסטו זיך אריין אין א פרעמד לאנד און דו גרייטסט זיך ארויסצונעמען פון דא הונדערטער קינדער. אבער ווי באטאנט זענען זיי געווען דא אויף א שליחות און א חסיד פרעגט נישט קיין שאלות, אז דער רבי הייסט, טוט מען, אבער די קעגנערשאפט האט זיך געשפירט אויף טריט און אויף שריט.

ביי די ערשטע פארזאמלונג זענען געווען אסאך געהיימע אגענטן וועלכער האבן מיטגעהאלטן די געשפרעכן און זענען געווען א טייל פון זיי.

אין רוסלאנד בימים ההם איז יעדער טעקסי געווען א פאטענציאלער אגענט. אז די ליובאוויטשער גרופע מיטגלידער האבן געדארפט פארן פון איין ארט צו דעם אנדערן האבן זיי גענוצט טעקסיס און מערערע מאל האט מען זיי געשיקט מיט די דרייווער אפענע



די ערשטעפטע קינדער שלאפן אויפ'ן פליגער



א לעכטיגער שמייכל אראפקומענדיג פון פליגער שטראלנדיג אז די אפעראצע איז געלונגען

סיגנאלן, אבער זיי זענען געווען געבינדן צו דער מיסיע, אן קוקן אויף די זייטן.

אויך ביי די עלטערן האבן די חברה אסאך געלייסטעט. אנטיילנעמענדיג ביי די אסיפות האבן זיי אפגערעדט די עלטערן מיט אלע ערליי טענות, אז עס לוינט נישט, אז עס איז נישט אן אחריות'דיגע שריט צו שיקן די קינדער אליין אין א פרעמדן לאנד, אבער זעענדיג אז אלעס גייט נישט און אז גארנישט וועט נישט אפשטעלן די עלטערן מיט די שלוחים האבן זיי זיך געגרייט מלחמה צו האלטן אויפ'ן פראנט אליין.

און דאן האבן מיר באקומען די ידיעה אז אין דער קומענדיגער מאנטאג לאזט מען זיך ארויס אויפ'ן וועג. ווען איך האב שפעטער צוריקגעקוקט צו דער אידישער קאלענדאר האט זיך עס אויסגעשטעלט אז די רייזע איז געווען ממש אין די טעג, אין חודש אב, און דער אריגינעלער טאג ווען מיר האבן געדארפט אויפ'ן פליגער איז געווען אדער אין תשעה באב אליין אדער א טאג דערויף, אבער בימים ההם האבן מיר דאך נישט געהאט קיין אנונג וואס דאס מיינט און דער באדייט פון די טעג.

גליקליך און צופרידן האבן מיר זיך געגרייט פאר דער לאנג ערווארטעטער רגע. דער אריגינעלער סקעדזשועל איז געווען אז מען לאזט זיך ארויס יענעם צופרי אין די פארטאגס שעה'ן פון דער שטאט צענטער אין גאמיל, און פון דארט פארט מען צו דער הויפטשטאט פון בעלערואס, מינסק.

די שלוחים האבן ארגאנזירט א רייע פון באסעס. די ערשטע גרופע איז באשטאנען פון 196 קינדער, אבער ווי ערווענט זענען די מערהייט פון די קינדער געווען איינציגע קינדער און די עלטערן האבן נישט אויסגעלאזט די



די טענץ ביים קבלת פנים אין לופטפעלד

געלעגנהייט צו באגלייטן זייערע קינדער אויפ'ן לאנגן וועג.

פון וואו די שלוחים האבן געהאט באסעס ווייס איך נישט, אבער אינאיינעם מיט דער גאנצער קבוצה האבן מיר זיך ארויפגעפאקט אויפ'ן באס און געפארן פון גאמיל קיין מינסק.

דער וועג געדויערט א גוטע זעקס שעה, און נאך זעקס שעה פארן זענען מיר אנגעקומען קיין מינסק צום לופטפעלד.

אויב אלעס וואלט געגאנגען ווי עס דארף צו זיין וואלט מען פון די באסעס ארויף אויפ'ן פליגער. אבער דא האט זיך אנגעהויבן א רייע פון שוועריגקייטן און פיסלעך וואס די חברה האבן געלייגט בזדון.

דו דארפסט פארשטיין, אז אנדערש ווי היינט ווען דו ווילסט פארן פון איין מדינה צו דער צווייטער און דו קענסט זיך אויסוועלן צי די ווילסט פארן מיט בריטיש עירוועיס, אדער מיט דעלטע עירליינס, איז אין רוסלאנד בימים ההם נישט געווען אזא זאך.

אינעם גאנצן לאנד איז נאר געווען איין עירליין, דער רוסישער עירפלאט עירליין, און אז דו ווילסט פארן ערגעץ מוזטו פארן מיט דער עירפלאט עירליין. די רעגירונג האט פארדינט דערפון אז זיי קענען גרינגערהייט קאנטראלירן די רייזנדע ווער עס זאל פארן און ווער נישט, און איבריג צו באטאנען אז אזא רייזע פון ארויסנעמען 196 קינדער פון לאנד צו א פרעמד לאנד איז עפעס וואס קומט נישט אין באטראכט, און זיי האבן געזאגט א שארפע 'לא' און אפגעזאגט אויסצופירן די נסיעה.

יעצט דער שארפער ניין האבן זיי געזאגט נאך דעם וואס מען האט שוין געהאט פארשלאסן אלעס מיט זיי. די ליובאוויטשער שלוחים האבן שוין געהאלטן נאכ'ן קויפן די טיקעטס און אלעס איז געווען אויסגעצאלט, אבער אין רוסלאנד פרעגט מען נישט קיין שאלות, און דא האבן זיי אנגעהויבן מיט א רייע טאקטיקן וועלכע וועט אפשוואכן די שלוחים און זיי לערנען לקח אז רוסלאנד איז נישט דער פאסיגער פלאץ פאר אזוינע שטיק.

עס האט זיך אנגעהויבן מיט תירוצים. ערשט האבן זיי געזאגט אז די פליגערס וואס דארף אונז נעמען האבן נישט געלאנדט אין מינסק און אז זיי וועלן נישט לאנדן היינט. זיי האבן געוואלט דערמיט קלארשטעלן אז היינט איז זיכער נישט דא קיין מעגליכקייט צו פארן, ווען זיי האפן אז די גרופעס וועלן אויפגעבן אויף זייערע פלענער.

די שלוחים, וועלכער האבן פארשטאנען וואס דא גייט פאר, האבן אנגעהויבן מיט א רייע שתדלנות אינדרויסן פון דער וועלט. מען האט געשיקט טעלעגראמען צו דער גאנצער וועלט אזש מען איז אנגעקומען ביז צום סאמע שפיץ פון דעם סאוויעטן פארבאנד, צו גארבעטשאוו אליין.

אבער ביני לביני איז נולד געווארן א נייע פראבלעם. די שלוחים האבן אהינגעברענגט עטליכע הונדערט מענטשן מיט'ן פלאן אז זיי גייען פון דא ווייטער פארן, אבער דערוויל זענען זיי געשטראנדעט דא, זיי דארפן עפעס עסן, שלאפן, טרינקען.

אויך דא האבן די שלוחים גענוצט זייערע טאלאנטן און האבן איינגעקויפט גרויסע קוואנטומען פון גרינצייג פאר די אידן פון די לאקאלע שכנים. הרב קאגאן איז געווען א שוחט און ער האט דארט געשאכטן בהמות, און דער עולם האט געהאט וואס צו עסן דארט.

איך האב געהאט א מומע אין מינסק, און הערנדיג אז דער פליגער וועט נישט פארן היינט בין איך אריבער צו איר אין שטוב מיט מיין מאמע. ביי איר אין שטוב האבן מיר גענעכטיגט, און צומארגנס איז מען צוריקגעקומען צום לופטפעלד גרייט צו פארן. אבער אויך דעם צווייטן טאג איז מען נישט ארויסגעפארן, ווען זיי געבן אן א רייע מיט תירוצים און אויסריידן

פארוואס מען קען נישט ארויספארן היינט.

צום לעצט האבן זיי געזאגט אז זיי וועלן געבן אן ערלויבעניש צו פארן, אבער נישט מיט די רוסישע פליגערס, נאר מיר מוזן זיך אליין פארזארגן פליגערס. אויך דא האבן די שלוחים נישט גערוט, מען האט אראנזשירט פליגערס פון פוילן, פון דער 'לאט' פלי לופטליניע, און מיט זיי איז מען סוף כל סוף, נאך דריי טעג, ארויף אויפ'ן פליגער קיין ארץ ישראל.

אבער אויך דא האט אונז אפגעווארט שוועריגקייטן. די פליגערס זענען געווען פון די שוואכע סארט און די רייזע איז געווען זייער שווער. בנוסף האבן מיר נישט געקענט פארן דירעקט פון מינסק קיין ארץ ישראל, נאר מיר זענען ערשט געפארן קיין לאנדאן, און פון לאנדאן האבן מיר גדארפט פארן מיט א דזשאמבאו פליגער קיין ארץ ישראל.

אבער אויך ווען מיר זענען אנגעקומען קיין לאנדאן זענען זאכן נישט געגאנגען גלאטיג. דער אריגינעלער פלאן איז געווען אז פון דארט וועט מען פארן מיט א נייער דזשאמבאו קיין ארץ ישראל, אבער דער נייער דזשאמבאו פליגער האט געדארפט קומען צופארן פון קאוועיט קיין לאנדאן, אבער יענע נאכט האט דער איראקער פירער סאדאם כוסעין אינוואדירט קאוועיט און די פליגערס האבן זיך נישט געקענט הייבן פון קאוועיט קיין לאנדאן.

עס איז אויסגעקומען אז עטליכע הונדערט קינדער זענען אנגעקומען פון מינסק קיין לאנדאן און האבן נישט געהאט קיין 'עקסטענשען פלייט'.

דא איז אריינגעקומען אין בילד די לאנדאנער עסקנים. מיט גרויס מי האבן זיי גע'שתדל'ט ביי דעם לאנדאנער פילאנטראפ ראבערט מאקסוויל אז ער זאל זיי צושטעלן זיין פריוואטן פליגער.

אויבנאויף וואלט מען געקענט נוצן די פוילישע פליגערס און מיט זיי ממשיך זיי קיין ארץ ישראל, אבער דאס האט נישט געקענט







עס איז געווען מוזיק, מען האט געטאנצן און מען האט זיך געפרייט, עס איז געווען מורא'דיג





ר' יוסף יצחק ביים באגריסן די קינדער

*ארבעטן געזעצליך. ווי באקאנט זענען די פילאטן באגרעניצט אין וויפיל שעה'ן זיי מעגן פארן און זיי מעגן נישט פארן ווייטער, און דא האט מאקסוויל געהאלפן. מיט זיין פריוואטן פליגער האט מען אהיימגעפירט די פילאטן און געברענגט נייע פילאטן און זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג.*

*מיר האבן איבערגעלאזט אונזערע שטיבער מאנטאג אינדערפרי, און מיר האבן געלאנדעט אין ארץ ישראל פרייטאג אינדערפרי.*

*די שמחה, די התרגשות וואס איז געווען אין לופטפעלד, איז אומבאשרייבליך, הונדערטער ליובאוויטשער אידן פון דעם שכינות'דיגן געגנט אין כפר חב"ד זענען ארויסגעקומען אונז מקבל פנים זיין, עס איז געווען מוזיק, מען האט געטאנצן און מען האט זיך געפרייט, עס איז געווען מורא'דיג.*

איידער ר' גרשון פארענדיגט זיין פערזענליכע געשיכטע, בעטן מיר הערן אביסל איבער וואס עס האט פאסירט נאכדעם וואס ער איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל.

*מען האט אונז פלאצירט אין א געביידע ביים עק פון כפר חב"ד. דארטן האט מען מיט אונז געלערנט הלכות און א רייע פון טעכנישע זאכן ווי אזוי מען גלידערט זיך איין אין א נייער קולטור. צווישן אנדערע האט מען געלערנט באגריפן איבער אידישקייט, און מיר זענען אויך געווען אין שפיטאל פאר אן אונטערזוכונג. מיר זענען געווען אין 'הדסה' שפיטאל, און אגב אין קעגנזאץ צו דער רעגירונג וואס איז נישט געווען אזוי פריילעך איבער אונזער אנקום, איז די פארוואלטונג אין הדסה שפיטאל געווען איבערגליקליך מיט אונז. פאר זיי איז עס געווען א געלעגנהייט צו מאכן עקספירעמענטן און צו זיין די ערשטע מערב וועלט וואס האט די פארש ארבעט איבער אזוינע פעלער, און אזוי ווי איך האב דיר געזאגט האט זיך ארויסגעשטעלט אז די בעסטע היילונג איז דאס וויילן אין געזונטע לופט און עסן עסנווארג וואס איז ריין פון ראדיאציע. איך קען דיר זאגן אז די מערהייט האבן זיך ערהוילט, אויסער געציילטע וואס האבן געליטן פון נאכווייען פון דער געשעעניש, עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז די בעסטע היילונג איז ווירקליך דאס וויילן אין ריינע ערטער.*

## עפילאג

געציילטע יארן שפעטער זענען די עלטערן פון ר' גרשון אונטערגעקומען און אים באגעגנט צום ערשטן מאל נאכ'ן זיך געזעגענען אין מינסק.

ווי ר' גרשון דערציילט האבן זיי אים שוין באגעגנט מיט א ציצית, מיט א קאפל, און אין אנהייב האבן זיי געכאפט א שטיקל שאק, אבער מיט דער צייט האבן זיי עס אנגעהויבן גלייכן.

היינט, מער ווי 32 יאר נאך דער געשעעניש, גרייט זיך ר' גרשון צו חתונה מאכן זיין עלטסטע טאכטער מיט אן ערליכן בחור, א סופר סת"ם.

עס האט נאך געדויערט א גוטע פאר יאר ביז די וועלט האט אנגעהויבן אנערקענען די גוטע מעשים פון חב"ד און באהערט די חשוב'ע עסקנים פאר זייערע פעולות.

אבער ווען מיר פרעגן ר' יוסף יצחק וואס עס איז געווען זיין באערונג פונעם רבי'ן פארשטייט ער נישט אונזער שאלה. "א סאלדאט איז דא צו טון זיין ארבעט." פארענדיגט ער און טיילט אונז מיט דעם עפיזאד ווי אזוי עס איז צוגעגאנגען ווען ער האט איינגעמאלדן פאר'ן סעקראטער אין אמעריקע אז די ערשטע גרופע פון קינדער האבן בשעה טובה ומוצלחת געלאנדעט אין ארץ ישראל.

"דער רבי האט געזאגט פאר'ן סעקראטער איבערצוגעבן פאר ר' יוסף יצחק אז די ראשי תיבות פון ת"ח איז תשואות חן, און צוגעלייגט אז דער אלבום פון בילדער פון די ארויפגעברענגטע קינדער זאל ער נישט שיקן יעצט, נאר נאכ'ן צווייטן טראנספארט פון קינדער.

"די ערשטע מינוט האב איך געמיינט אז איך הער נישט גוט. ווען מיר האבן זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג האבן מיר נישט גע'חלומ'ט אז עס וועט אנקומען אזוי שווער און דא רעדט דער רבי רעדט פון דער צווייטער גרופע, אבער אז דער רבי בעט, גיט עס כח און ברוך השם געווען א צווייטע, מיט א דריטער און א פערטער און א פינפטער...

"ללמדך אז גארנישט איז נישט שווער – ווען מען וויל און ווען דער רבי הייסט."

## א רירנדע מינוט אין לופטפעלד

שמועסנדיג מיט ר' יוסף יצחק הערן מיר אז אויך ביים יעצטיגן קריג צווישן רוסלאנד און אוקראינע איז צו אים אנגעקומען א ווענדונג פון אוקראינע איבער א קינד וואס דארף הילף און בעט אז מען זאל קעיר נעמען פון אים. אויך דאסמאל איז ער אליין אראפגעפארן אהין און אפגענומען דאס קינד.

"ווען איך האב געלאנדעט אין ארץ ישראל מיט'ן קינד אין דער האנט," פארציילט ר' יוסף יצחק, "איז צו מיר צוגעקומען איינער פון די באאמטע אין לופטפעלד און מיט א גערירטע קול האט ער מיר געזאגט: 'איך וועל אין מיין לעבן נישט פארגעסן ווי אזוי מיט 25 יאר צוריק ביסטו אראפגעקומען פון פליגער און דו האסט געהאלטן מיינע הענט, ווען איך בין אנטלאפן פון דארט צוליב די ראדיאציע. היינט האב איך שוין א נייע לעבן, אבער וואס דו האסט דעמאלט געטון פאר מיר וועל איך קיינמאל נישט פארגעסן.'"



די קינדער ביי זייער בר מצוה ביים כותל